# מיט א טיפערן בליק

## פרשת אמור - ל"ג בעומר תשפ"ה

## ווען מ'איז פארלוירן און איינזאַם

בס"ד

א גוטן טייערע חברים וידידים..!

מיר האלטן אצינד אין פרשת אמור, די פרשה וואס הייבט זיך אָן מיט די דינים פון א כהן אז ער טאר זיך נישט מטמא זיין וכדומה. פון דארט איז די תורה ממשיך מיט די פרשת המועדות וואו עס ווערן דערמאנט די ימים טובים, שבת קודש, ספירת העומר, און נאך פארשידענע ענינים.

ווי אויך שטייען מיר אין די געהויבענע טעג וואס זענען סמוך ונראה צום גרויסן טאג **ל"ג בעומר** - די הילולא פונעם תנא האלקי רבי שמעון בר יוחאי זי"ע. א טאג אין וועלכע יעדע איד קען זוכה זיין זיך אנצוכאפן און אנווארימען אינעם אור מופלא רום מעלה, די גרויסע און לעכטיגע אור פונעם הייליגן תנא, ווי עס איז באקאנט די מורא'דיגע ווערטער פון **הרה"ק בעל בית אהרן פון קארלין זי"ע**, וזה לשון קדשו: **"כל מי שיש לו אמונה בר' שמעון בן יוחאי יש לו חיזוק בר' שמעון בן יוחאי, כשם שהשי"ת הוא ה' לכל כך רשב"י הוא רשב"י לכל אֲפִילוּ לַפְּחוּתִים"**. אויב מ'האט אמונה אין רשב"י קען מען זיך מחזק זיין דורך איהם, און פונקט ווי השי"ת איז דער באשעפער פאר יעדן איינעם, איז רשב"י אויך אָפּן פאר יעדעם, יעדער איד קען האבן א שייכות און זיך מדבק זיין אין איהם, אפילו די 'פחותים' די מענטשן וואס געפונען זיך אין א נידריגע מדריגה ח"ו.

לאמיר זיך אביסל מתבונן זיין אין אונזער פרשה ווי אויך אינעם גרויסן זמן, און זעהן וויאזוי די צוויי זאכן גייען צוזאמען, און וואס מיר קענען ארויסלערנען פון דא.

די תורה הקדושה פאַנגט אָן אונזער פרשה מיט'ן פסוק וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה אֱמֹר אֶל הַכֹּהֲנִים בְּנֵי אַהֲרֹן וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם לְנֶפֶשׁ לֹא יִטַּמָּא בְּעַמָּיו, משה רבינו זאל רעדן צו די כהנים און זיי זאגן אז זיי טארן זיך נישט מטמא זיין צו א טויטע מענטש. אויסער אויב ס'שטארבט איינס פון די זיבן נאנטע קרובים רח"ל דעמאלטס מעג א כהן הדיוט זיך יא מטמא זיין, ווי די תורה איז ממשיך אין די קומענדיגע פסוקים.

**רש"י הקדוש** ברענגט שוין פון חז"ל, אז לכאורה האבן מיר דא א דאפלטע לשון, עס שטייט שוין באלד אין אנהייב 'אֱמֹר' אֶל הַכֹּהֲנִים בְּנֵי אַהֲרֹן, אויב אזוי פארוואס דארף שטיין נאָכאַמאָל גלייך נאכדעם 'וְאָמַרְתָּ' אֲלֵהֶם. נאר די כוונה איז "להזהיר גדולים על הקטנים" אויסער דעם וואס ס'איז דא א מצוה אויף די גרויסע כהנים זיך אליינס צו היטן פון טומאת מת, זאלן זיי אויך אכטונג געבן אויף די קטנים, די יונגע כהנים אז זיי זאלן זיך נישט מטמא זיין.

דארף מען אבער פארשטיין פארוואס פונקט ביי די מצוה האט די תורה מדגיש געווען די נקודה פון "להזהיר גדולים על הקטנים"? וואס טוט זיך מיט אלע אנדערע מצוות אין די תורה, ביי זיי איז לכאורה אויך שייך די זעלבע ענין אז די גרויסע דארפן מחנך זיין די קליינע, פארוואס געפונען מיר נישט ביי אנדערע מצוות די אזהרה פון "להזהיר גדולים על הקטנים"?

אביסל ווייטער אין די פרשה האבן מיר די מצוה פון ספירת העומר וועלכע איז די יעצטיגע 'ענינא דיומא' פשוטו כמשמעו, ווען מיר שטייען אין די ימי הספירה. די תורה הקדושה זאגט, וּסְפַרְתֶּם לָכֶם וגו' שֶׁבַע שַׁבָּתוֹת תְּמִימֹת תִּהְיֶינָה, אז מיר זאלן אנהייבן צו ציילן פון די צווייטע טאג פסח, די טאג אין וועלכע מ'האט מקריב געווען די מנחת העומר אין בית המקדש, זיבן גאנצע וואכן ביז שבועות, עַד מִמָּחֳרַת הַשַּׁבָּת הַשְּׁבִיעִת תִּסְפְּרוּ חֲמִשִּׁים יוֹם.

ווי מיר ווייסן פון **זוהר הקדוש** און נאך, אז די זיבן וואכן פון ספירה זענען געאייגענט מתקן צו זיין די מידות, און זענען קעגן די זיבן ספירות פון חסד, גבורה, תפארת, נצח, הוד, יסוד, און מלכות. יעדן טאג האט זיין ספעציעלע מידה ווי חסד שבחסד, גבורה שבחסד, און אזוי ווייטער לויט'ן סדר, און ל"ג בעומר איז קעגן 'הוד שבהוד' ווי באקאנט. וואס איז דער ענין פון הוד שבהוד, און וואס פאר א שייכות האט עס מיט'ן תנא האלקי רבי שמעון בר יוחאי?

און וואס באדייט טאקע די גרויסע שמחה פון ל"ג בעומר וואס נעמט אריין גאנץ כלל ישראל און איז נוגע פאר יעדן איינעם "אֲפִילוּ לַפְּחוּתִים" ווי אויבן דערמאנט?

#### ווען דער מלאך האט זיך געראנגלט מיט יעקב אבינו

כדי צו ערקלערן דעם ענין, לאמיר צוריק מישן דעם בלעטל צו פרשת וישלח וואו די תורה הקדושה דערציילט אונז די השתלשלות פון יעקב אבינו ווען ער גרייט זיך אנקעגן צו גיין זיין ברודער עשו.

צווישן אנדערע האט פאסירט די מעשה אז יעקב אבינו האט זיך געפונען אפגעזונדערט פון זיינע קינדער, ווען ער איז אריבער דעם טייך איינער אליינס כדי צו נעמען קליינע קריגלעך וואס ער האט דארט איבערגעלאזט, "וַיִּוָּתֵר יַעֲקֹב לְבַדּוֹ וַיֵּאָבֵק אִישׁ עִמּוֹ", עס קומט צו גיין דער מלאך דער שר פון עשו און ער הייבט זיך אָן צו ראַנגלען און שלאגן מיט איהם, און זיי האבן זיך געראַנגלט ביז צום עלות השחר. "וַיַּרְא כִּי לֹא יָכֹל לוֹ וַיִּגַּע בְּכַף יְרֵכוֹ" ווען דער מלאך האט דערזעהן אז ער קען נישט באזיגן יעקב, האט ער איהם געגעבן א קלאפ אין זיין פיס, "וַתֵּקַע כַּף יֶרֶךְ יַעֲקֹב בְּהֵאָבְקוֹ עִמּוֹ" און עס האט זיך אוועקגערוקט די ביין פון יעקב'ס פיס דורך די מלחמה וואס ער האט געהאט מיט'ן מלאך.

ווען עס איז געקומען די עלות השחר האט יעקב אבינו באזיגט דעם מלאך, וועלכער האט איהם מודה געווען אויף די ברכות וואס ער האט ארויסגענאַרט פון יצחק, אז זיי באלאנגען אינגאנצן פאר יעקב. ווי אויך איז איהם דער מלאך דארט מבשר די בשורה "לֹא יַעֲקֹב יֵאָמֵר עוֹד שִׁמְךָ כִּי אִם יִשְׂרָאֵל" אז פון יעצט און ווייטער וועט שוין דיין נאמען נישט זיין יעקב, נאר ישראל, א נאמען וואס ווייזט אויף א העכערע מדריגה, א ענין פון 'שְׂרָרָה' און גרויסקייט.

טראצדעם וואס יעקב אבינו האט טאקע מנצח געווען דעם מלאך און איהם מכניע געווען צו זיך, דאַך האט דער מלאך למעשה איבערגעלאזט א שטיקל 'פגם' און א נצחון וואס ער האט געהאט מיט דעם וואס ער האט צוגערירט צו די פיס פון יעקב אבינו. ווי די תורה הקדושה זאגט ווייטער (בראשית ל"ב ל"ב) אז ווען יעקב אבינו איז אדורכגעגאנגען די שטאט פנואל, "וְהוּא צֹלֵעַ עַל יְרֵכוֹ" האט ער געהינקעט אויף זיין פיס צוליב די קלאפ פונעם מלאך.

**די פגם פון הוד - ווען מ'שפירט איינזאם און צובראכן**

אין **זוהר הקדוש** שטייט "ויגע בכף ירכו - ביוצאי ירכו" אז דער מלאך האט געוואלט האבן א שליטה אויף די קומענדיגע דורות פון פון יעקב אבינו [קינדער ווערן אנגערופן 'יוצאי ירכו' פונעם מענטש, און דאס איז מרומז אין ויגע בכף 'ירכו']. ווי עס איז מבואר אין **ספרים הקדושים** אז דער שר פון עשו וועלכער איז דער יצר הרע און ס"מ, האט געוואלט לאזן א רושם אויף כלל ישראל די יוצאי ירכו פון יעקב אבינו. זעענדיג אז ער קען נישט מנצח זיין יעקב זעלבסט, האט ער כאטש געוואלט אנכאפן זיינע קינדער.

און אט די פגם וואס דער יצר הרע האט דעמאלטס געמאכט, איז א זאך וואס האט טאקע געלאזט א רושם לדורות. גענוי ווי ער האט דעמאלטס געוואלט אומוואַרפן יעקב אבינו און שוואך מאכן זיין קיום, ער זאל נישט קענען זיין קיין 'הוֹלֵךְ' וואס גייט ווייטער און שטייגט העכער, נאר בלייבן הינקעדיג און אפגעשוואכט אין זיין עבודה. אט דאס איז א מלחמה לדורות אין וועלכע דער שטן האט באוויזן אריינצושטעקן א האנט.

וויפיל מאל מאכט זיך אז א איד שפירט ביי זיך אז 'עס גייט נישט' ער בלייבט שטעקן אויף איין פלאץ און קען זיך נישט רוקן פאַראויס אין לעבן, וויפיל ער פראבירט נאר צו טוהן, דאַכט זיך איהם אז ער מאכט נישט קיין שום פאַרשריט, אדרבה אלעס גייט איהם שווער און שוואַך און ער פאלט נאך אויף צוריק. וויפיל מאל האט א מענטש די שרעקעדיגע הרגשה פון "וַיִּוָּתֵר יַעֲקֹב לְבַדּוֹ", ער שפירט עלנד און איינזאם, ממש ווי א פארלוירענער וואס האט נישט קיין הילף, ער האט א הרגשה ווי ער איז כאילו פארגעסן געווארן פון די וועלט, קיינער פארשטייט איהם נישט און קיינער זעהט איהם נישט באמת. יעדער ארום איהם איז מצליח און שיינט, און נאר ער הינקעט אונטער איינער אליינס. ווי ביטער שווער איז זיך צוזאמצוקלויבן און ארבעטן אויף זיך אין אזא מצב.

די געפילן פון ייאוש און כְּבֵידוּת וואס נעמען ארום דעם מענטש און שטערן איהם פון זיין הצלחה ברוחניות (ובגשמיות) דאס קומט פונעם כוח היצר, די קלאפ וואס דער מלאך האט געגעבן פאר יעקב אבינו ווען ער האט איהם געוואלט אונטערברעכן זיינע פיס, דערמיט האט ער אנגערירט און געשעדיגט די יוצאי ירכו פון יעקב אבינו. און דאס איז געבליבן פאר אונז א שטענדיגע עבודה צו האָרעווען און ארבעטן שווער זיך קעגנצושטעלן די כוח היצר, און אנווענדן אלע מיטלען יא צו בלייבן שטיין און גיין ווייטער טראָץ אלע שוועריגקייטן און שטרויכלונגען.

נאך איין ווארט איידער מיר זענען ממשיך ווייטער. אין **תיקוני זוהר** (מאמר פתח אליהו) שטייט אז די ספירות זענען אויסגעשטעלט קעגן די צורת הגוף פון א מענטש, חסד און גבורה זענען קעגן די צווי הענט, תפארת איז די גוף, "נֶצַח וְהוֹד תְּרֵין שׁוֹקִין" די מידות פון נצח און הוד זענען קעגן די צווי פיס, און אזוי ווייטער. קומט אויס אז ווען דער מלאך האט אנגערירט און געמאכט א פגם אויף די פיס פון יעקב אבינו, איז געשען דא א פגם אין די מידה פון 'הוד'.

**רבי שמעון בר יוחאי אין די מערה**

אצינד לאמיר אריבערגיין צו די השתלשלות און פאסירונג פונעם תנא האלקי **רבי שמעון בר יוחאי**, לאמיר כאפן א בליק און זיך אביסל פארטיפן אין די מעשה וואס חכמינו ז"ל דערציילן אונז אין די גמרא **מסכת שבת** (דף ל"ג:), איבער די תקופה אין וועלכע ער איז געווען באהאלטן אין די מערה.

די גמרא דערציילט אז די רוימישע קעניגרייך האט געהערט אז רבי שמעון האט גערעדט שלעכטס אויף זיי, האבן זיי גוזר געווען אז מען זאל איהם הארגענען ח"ו. זעענדיג אז זיין לעבן איז אין א סכנה, האט זיך רשב"י קודם באהאלטן אינאיינעם מיט זיין זוהן רבי אלעזר אין בית המדרש, אבער נאכדעם וואס ער האט מורא געהאט אז זיין באהעלטעניש וועט אויפגעדעקט ווערן, איז ער אנטלאפן מיט זיין זוהן און זיך באהאלטן אין א מערה וואס קיינער האט נישט געוואוסט זייער אָרט.

דארט אינעם מערה האט פאסירט א נס אז ס'איז געוואקסן א באקסער בוים און א קוואל וואסער, פון דעם האבן זיי זיך דערהאלטן ביים לעבן במשך די קומענדיגע דרייצן יאר. אין א פרואוו צו שפּאָרן זייערע קליידער אז ס'זאל נישט קאליע ווערן, פלעגן זיי עס אויסטוהן, און אנשטאט דעם זיך אריינגעזעצט אין זאמד ביז צום האלדז כדי צו באדעקן זייערע גופים מיט די זאמד, און אזוי האבן זיי געלערנט תורה מתוך הדחק די גאנצע צייט. אויסער צום דאווענען, דעמאלטס פלעגן זיי צוריק אנטוהן די קליידער. ווי די גמרא דערציילט ווייטער, האט דאס זיצן אין זאמד אזא לאנגע צייט גורם געווען צו שפאלטענעס אין די הויט פון רשב"י א זאך וואס האט געברענגט צער און יסורים.

נאכן אפזיצן אין די מערה צוועלף גאנצע יאר על התורה ועל העבודה מיט מסירות נפש, אפגעזונדערט פון די גאנצע וועלט און ווייט פון יעדע מענטשליכע אויג, איז געקומען צו גיין אליהו הנביא און האט זיך געשטעלט ביים עפענונג פון די מערה און געלאזט וויסן פאר רשב"י אז דער רוימישער קיסר איז געשטארבן און זיינע גזירות זענען בטל געווארן. ווען רבי שמעון און רבי אלעזר האבן דאס געהערט זענען זיי ארויסגעגאנגען פון די מערה, אבער זיי זענען נישט געווען מסוגל צוצוקוקן די גשמיות'דיגע וועלט, זיי האבן נישט געקענט פארשטיין וויאזוי אידן זענען "מניחין חיי עולם ועוסקין בחיי שעה" זיי לאזן איבער עולם הבא און רוחניות און אנשטאט דעם זענען זיי פארנומען מיט צייטווייליגע גשמיות'דיגע זאכן. יעדע פלאץ וואו רבי שמעון און רבי אלעזר האבן געקוקט מיט זייערע אויגן האבן זיי פשוט פארברענט מיט זייער גרויס קדושה. איז ארויסגעקומען א בת קול פון הימל און זיי געזאגט "להחריב עולמי יצאתם? איר זענט ארויסגעקומען חרוב צו מאכן מיין וועלט? גייט צוריק צו ענקער מערה". רבי שמעון און רבי אלעזר האבן

נישט קיין ברירה נאר זיי דרייען זיך צוריק צו די מערה, צו די לעבן פון איינזאמקייט און עלנדקייט, אָן קיין שום סביבה אדער צוגעהערן, איינגאנצן אליינס, ניטאמאל מיט געהעריגע קליידער און מיט וואונדן אויפן גוף...

נאך צוועלף חדשים איז ארויסגעקומען א בת קול פון הימל און געזאגט אז זיי קענען שוין ארויסגיין פון די מערה. רבי שמעון בר יוחאי האט שוין דעמאלטס געהאט אן אנדערע בליק אויף די וועלט, אפילו אין די פלעצער וואס רבי אלעזר האט געשעדיגט מיט זיין קפידא און זיין שארפע בליק, האט רשב"י דאס תיכף אויסגעהיילט, און ער האט געשעצט יעדע גוטע פעולה וואס ער האט געזעהן ביי אידישע קינדער. ווען ער האט געזעהן ווי א איד לויפט מיט צוויי הדסים אין די הענט ערב שבת בין השמשות, איינס קעגן זכור און איינס קעגן שמור, האט רשב"י געזאגט צו זיין זוהן "חזי כמה חביבין מצות על ישראל" זעה ווי באליבט די מצוות זענען ביי כלל ישראל.

### במערות צורים שעמדת שם קנית הודך והדרך

ווי וואונדערליך איז דער פאַקט אז דייקא אין יענע שווערסטע יארן פון זיין לעבן, טאקע ווען ער איז געווען פאַרוואָרפן אין גלות איינזאם און עלנד, דארט האט רבי שמעון בר יוחאי זוכה געווען מגלה צו זיין סתרי תורה, פון וואס מיר האבן היינט דעם ספר הזוהר הקדוש און די סודות און פנימיות התורה וואס שטאמען פון איהם. ווי מיר זאגן אינעם פיוט פון בר יוחאי "מוֹשַׁב טוֹב יָשַׁבְתָּ, יוֹם נַסְתָּ יוֹם אֲשֶׁר בָּרַחְתָּ, בִּמְעָרוֹת צוּרִים שֶׁעָמַדְתָּ, **שָׁם קָנִיתָ הוֹדְךָ וַהֲדָרֶךָ**" דווקא דעמאלטס ווען ער איז אנטלאפן און געזעצן אין די מערה, דארט האט ער קונה געווען זיין שיינקייט און זיין שלימות.

רבי שמעון בר יוחאי איז אדורכגעגאנגען די שרעקליכע צער אין די מערה און געלעבט א לעבן פון יסורים און פּיין, און דערמיט אויסגעטרויטן א וועג פאר כלל ישראל לדורות. די מעשה פון רשב"י לערנט פאר יעדע איד אין יעדע תקופה, אז אפילו ווען מ'איז אליינס און פאַרלאָזט, ווען די מצב שיינט נישט און אלעס איז חושך ח"ו. דארט דארף דער מענטש זיך אפשטעלן אין זיין אייגענעם מערה, אין זיין אייגענעם טונקעלן ווינקל און טרעפן דעם רבונו של עולם.

וואויל איז פאר דער וואס קען טרעפן דעם אייבישטער גרינגערהייט אין בית המדרש, ער איז זוכה צו א לעבטיגקייט און מתיקות, שִׁבְתִּי בְּבֵית ה' לַחֲזוֹת בְּנֹעַם ה' וּלְבַקֵּר בְּהֵיכָלוֹ. עס זענען טאקע פאראן אזעלכע מענטשן פאר וועמען עס גייט לייכטער. און צומאל האט דער מענטש זעלבסט גוטע תקופות, ער האט זמנים ווען עס גייט איהם גוט און געשמאק... אבער רשב"י וויזט אונז אז ס'איז פאראן אזעלכע מצבים ווען ס'גייט נישט אין בית המדרש, ווען זאכן גייען נישט געשמירט וויאזוי מען וואלט געוואלט. צומאל איז דער מענטש ביי זיך אליינס געפאלן און איינזאם, ער שפירט זיך דערוואייטערט און אפגעזונדערט פון הצלחה, ער געפונט זיך בעל כרחו אין א געוויסע סארט 'מערה' איינגאנצן צובראכן און צוקלאפט און באדעקט מיט זאמד פון קאפ ביז פיס. אויך דארט איז פאראן א מציאות פון "בִּמְעָרוֹת צוּרִים שֶׁעָמַדְתָּ שָׁם קָנִיתָ הוֹדְךָ וַהֲדָרֶךָ", יא, יעדער איד אין זיין מערה'לע און אין זיינע נסיונות אין שוועריגקייטן, אויב וועט ער נישט אויפגעבן אויף זיך, ער וועט פראבירן צו קעמפן און ביישטיין זיינע שוועריגקייטן, ער וועט אויפהייבן זיינע הענט צו הימל און בעטן א הייסע תפלה פונעם אבינו אב הרחמן אז ער זאל איהם נישט פארלאזן, אָנָּא ה' הוֹשִׁיעָה נָּא, רבונו של עולם העלף מיר. דאן וועט ער זוכה זיין צו געפונען זיין אור אפילו אין די מערה, ער וועט זוכה זיין אנצוקומען ווייט טראץ אלע שוועריגקייטן, **שָׁם** קָנִיתָ הוֹדְךָ וַהֲדָרֶךָ. און צומאל איז עס דייקא דארט, נאר מתוך די חושך און נסיונות, דאס איז די פלאץ וואו ער האט געדארפט אנקומען כדי צו טרעפן דעם אייבישטער און זיך דערנענטערן צו איהם.

### די חיזוק וואס יעדער איד קען ארויסנעמען פון רשב"י

פונקט ווי פאר רשב"י האט השי"ת באשאפן א באקסער בוים און א קוואל וואסער, וואס איז געווען א 'נס בתוך נס' ווי דער **מהרש"א** ברענגט, ווייל געווענליך הייבט אָן א באקסער בוים ארויסצוגעבן פירות ערשט זיבעציג יאר נאכן איינפלאנצן, און דא האט השי"ת געטוישט די גאנצע טבע און באשאפן א באקסער בוים וואס האט תיכף ארויסגעגעבן פירות. די גאנצע בריאה האט דער אייבישטער געבויגן און צוגעשטעלט פאר רשב"י. **די זעלבע דארף יעדער איד שטענדיג געדענקען און גלייבן אז נישט קיין חילוק אין וועלכע מצב ער געפונט זיך נאר, נישט קיין חילוק ווי דערווייטערט און ווי שווער, ביים באשעפער איז גארנישט שווער, דער אייבישטער קען מאכן נסים בתוך נסים און איהם העלפן אפילו למעלה מדרך הטבע.**

רשב"י האט געעפנט די טויערן און אנגעגרייט דעם וועג פאר כלל ישראל לנצח נצחים. ווי רשב"י אליינס זאגט (סוכה מ"ה:) "יכול אני לפטור את כל העולם כולו מן הדין" אז ער איז בכוח צו פּטר'ן די גאנצע וועלט פון אן עונש און מידת הדין.

בדרך רמז זאגט אונז רשב"י אז ער האט אונז געוויזן דעם וועג אז א איד איז קיינמאל נישט פארפאלן, ס'איז קיינמאל נישט לאחר ייאוש, ווייל אפילו אין די ווייטסטע און שווערסטע מערה קען מען זוכה זיין צו די גרעסטע אורות און השפעות, שָׁם קָנִיתָ הוֹדְךָ וַהֲדָרֶךָ. און ממילא האט א איד אלעמאל האפענונג און א וועגוויזער זיך מחזק צו זיין און טרעפן דעם אייבישטער אויך דארט, און אזוי ארום ניצול ווערן פונעם יצר הרע און מידת הדין.

אט דאס לערנט אונז דער הייליגער בית אהרן, **"כל מי שיש לו אמונה בר' שמעון בן יוחאי יש לו חיזוק בר' שמעון בן יוחאי"** אויב מיר גלייבן אין דער לימוד וואס רשב"י לערנט אונז, מיר דערהערן דעם מוסר השכל פון רבי שמעון'ס שווערע לעבן און זיינע גרויסע דערגרייכונגען אין די מערה, דאן קענען מיר זיך מחזק זיין מיט זיין כוח און זכות. **"כשם שהשי"ת הוא ה' לכל כך רשב"י הוא רשב"י לכל אֲפִילוּ לַפְּחוּתִים"**, רשב"י איז דער וואס ברענגט נאנט אפילו דעם שוואכסטן איד צום אייבישטער, **ער איז אונז מגלה און לערנט אונז אז השי"ת איז ה' לכל, ער איז דא פאר יעדער איד אין יעדע מצב.**

### דער תיקון אויפן פגם וואס דער יצר הרע האט געמאכט

דערמיט דערהערן מיר א שטיקל השגה פארוואס די הילולא דרשב"י געפאלט אינעם טאג פון 'הוד שבהוד'. לויט ווי מיר האבן אויבן געלערנט אז דער יצר הרע איז געקומען און געגעבן א קלאפ פאר יעקב אבינו אין זיין פיס, וועלכע איז געווען א פגם אין די מידה פון 'הוד' און האט

אריינגעברענגט א שוואכקייט לדורות אין אידישע קינדער די יוצאי ירכו פון יעקב אבינו זיי אפצוהאלטן פון זיין א 'הוֹלֵךְ' וואס קען אלעמאל גיין ווייטער און שטייגן העכער. ווען עס גייט שווער פאר א איד און ער שפירט איינזאם און פארלוירן, וַיִּוָּתֵר יַעֲקֹב לְבַדּוֹ, ער הינקעט אונטער, דאס אלעס שטאמט פון יענע פגם אין הוד.

איז געקומען דער תנא האלקי רבי שמעון בר יוחאי און מתקן געווען דעם פגם, רבי שמעון בר יוחאי האט צוריקגעשטעלט די שיינקייט און שלימות צו די מידה פון 'הוד'. רבי שמעון מיט זיין כוח וואס לערנט אויס פאר אידישע קינדער אז מיר זענען קיינמאל נישט אליינס, ס'איז נישט דא קיין מציאות פון בלייבן אפגעזונדערט און דערווייטערט, נאר אפילו אין די גרעסטע שוועריגקייטן קען מען זוכה זיין צו קרבת אלקים און צו הויכע מדריגות און השגות.

**דאס איז די גרויסע שמחה פון ל"ג בעומר, א שמחה וואס נעמט ארום גאנץ כלל ישראל, אפילו לפחותים, ביז צום שוואכסטן איד, ווייל רשב"י גיבט האפענונג פאר יעדן איינעם און שלעפט איהם ארויס פון די שוועריגקייטן.** בִּמְעָרַת צוּרִים 'שֶׁעָמַדְתָּ' רבי שמעון האט אונז געוויזן אז מ'קען שטיין אויףביידע פיס מיט א שטארקע שטאנד אפילו ווען מ'געפונט זיך אין די מצב פון מערה און שוועריגקייט, שָׁם קָנִיתָ 'הוֹדְךָ' וַהֲדָרֶךָ, ער האט אונז צוריקגעברענגט די מידה פון הוד, צו קענען שטיין אויף צוויי שטארקע פיס אפילו ווען דער יצר הרע איז דא צו קלאפן און צו צוברעכן.

[די יסוד פון דעם ווארט שטייט בקיצור אין ספר **אורה ושמחה** פון **הרה"ק רבי אברהם שמחה מבַּארַנוֹב זי"ע**. און ער לייגט צו, ווי פאסיג איז דאס וואס די גמרא דערציילט ווייטער דארט אין מסכת שבת, אז רשב"י האט שפעטער געזאגט אז ער וויל טוהן א טובה פאר די שטאט, פונקט ווי יעקב אבינו האט געטוהן נאכדעם וואס ער האט געהאט די נס און ער האט באזיגט דעם מלאך, ווי עס שטייט (בראשית ל"ג י"ח) וַיָּבֹא יַעֲקֹב שָׁלֵם וגו' וַיִּחַן אֶת פְּנֵי הָעִיר, אז ער האט געטוהן א טובה פאר די דארטיגע מענטשן ווי די גמרא דַרש'ענט. ווייל רשב"י נאך די מערה איז באמת געווען א המשך צו יענע מעשה פון יעקב אבינו מיט'ן מלאך, וויבאלד רשב"י האט מתקן געווען דעם פגם. און ער לייגט צו אז די ווערטער 'שמעון בן יוחי' באטרעפט די זעלבע ווי '**יַעֲקֹב שָׁלֵם**' ווייל דאס האט טאקע רשב"י אויפגעטוהן צוריק צו שטעלן די **שלימות** פון יעקב אבינו].

**נעמען חיזוק פון די גוטע צייטן אויף די שווערע זמנים**

דערמיט קומען מיר צוריק צו אונזער פרשה. די קדושת כהונה איז מרמז ווען א מענטש איז זוכה צו קדושה אויפן דרך המלך, ווען אלעס איז לעכטיג און זיס. די כהנים האבן א פונקטליכע סדר עבודה מיט דינים און הלכות, זיי האבן א וועג וויאזוי זיי דארפן זיך אויפפירן, און זיי ווערן טאקע דערנענטערט צום אייבישטער און זענען זוכה צו זיין אין בית המקדש און זעהן התגלות השכינה און נאך. זייער עבודה ווערט געטוהן בחבורה, ברוב עם הדרת מלך, און אפילו ווען דער כהן גדול גייט אריין אין קדשי קדשים איינער אליינס, האט ער אויך גאנץ כלל ישראל אין די זייט וועלכע שטייען און ווארטן און קוקן ארויס אויף זיין עבודה.

דאס אלעס איז מרמז אויף די 'גוטע צייטן' אינעם מענטש, ווען עס לערנט זיך און דאווענט זיך. דער מענטש איז מרגיש זיין הצלחה און זיין התעלות אין עבודת השי"ת, ער איז זוכה צו לַחֲזוֹת בְּנֹעַם ה' וּלְבַקֵּר בְּהֵיכָלוֹ, ס'איז איהם זיס און גוט.

עס איז אבער פארהאן פארקערטע זמנים ח"ו. זמנים פון עלנדקייט און פארלוירנקייט, זמנים ווען עס גייט נישט לייכט, זמנים ווען דער מענטש געפונט זיך אין מערה איינער אליינס, ער שפירט ווי ער איז אין דער ערד און האט נישט קיינעם צו זיין זייט, און ער בלאנדזשעט ארום אָן טרעפן דעם וועג ארויס.

שטייט אין פילע **ספרים הקדושים**, "להזהיר גדולים על הקטנים", להזהיר קען מען טייטשן 'ארײנשיינען' (א לשון פון 'זָהֳרֵי' חַמָּה) א איד דארף ארײנשיינען פון די גרויסע און גוטע צייטן אויך אויף די טעג ווען ער געפונט זיך אין 'קַטְנוּת הדעת' אין א קליינע און שוואכע מדריגה. דאס הייסט מען דארף זיך מחזק זיין און געדענקן אז דעם אייבישטער קען מען טרעפן אפילו ווען מ'איז אין די מצב פון קטנות און שוועריגקייט ח"ו. **אפילו אין די טונקעלע מערה קען מען ארײנשלעפן די זעלבע שטראלן און ליכטיגקייט פונקט ווי אין בית המדרש אדער אין בית המקדש גאר.**

דאס איז דער רמז דייקא דא אין פרשת אמור, די פרשה אין וועלכע עס געפאלט די הילולא דרבי שמעון בר יוחאי, די פרשה פון הוד שבהוד אין וועלכע יעדער איד דארף זיך אנכאפן, נישט קיין חילוק אויב מ'איז פון די גדולים אדער קטנים, יעדער איד האט די מעגליכקייט צו שטייגן און מצליח זיין און זוכה זיין צו קדושה און לעכטיגקייט ווי רשב"י האט אונז געלערנט און אנגעגרייט פאר אונז דעם וועג מיט זיינע הייליגע מעשים, און דער זמן איז מסוגל דערצו.

**בַּר יוֹחָאי מוֹשַׁב טוֹב יָשַׁבְתָּ יוֹם נַסְתָּ יוֹם אֲשֶׁר בָּרַחְתָּ, בִּמְעָרַת צוּרִים שֶׁעָמַדְתָּ שָׁם קָנִיתָ הוֹדְךָ וַהֲדָרֶךָ... תּוֹרָתוֹ מָגֵן לָנוּ הִיא מְאִירַת עֵינֵינוּ הוּא יַמְלִיץ טוֹב בַּעֲדֵנוּ אֲדוֹנֵנוּ בַּר יוֹחָאי.**

לסיכום געדענק:

- דער שר של עשו האט געלאזט א רושם אויף כלל ישראל, ווען מען שפירט אז עס גייט נישט, עלנד און איינזאם, צובראכן און פרעמד אָן קיין הילף ח"ו. דאס אלעס איז א חלק פונעם עצת היצר וואס וויל אונז חרוב מאכן.
- רשב"י לערנט אונז אז אין וועלכע מצב מען געפונט זיך נאר, אין די שווערסטע מצבים ווען ס'איז טונקל און ביטער, קען מען טרעפן דעם אייבישטער, און ער קען מאכן נסים בתוך נסים און העלפן דעם איד אפילו למעלה מדרך הטבע.
- אפילו אין א טונקעלע מערה קען מען ארײנשלעפן די זעלבע שטראלן און ליכטיגקייט פונקט ווי אין בית המקדש.

## א לעכטיגע שבת קודש!

זיך איינצושרייבן צו באקומען די "מיט א טיפערן בליק"
דורך אי-מעיל בעזה"ה tiferenblik@gmail.com